- Herman Grackin donated photographs of the Jewish People's Relief of the Bronx, as well as family materials.
- Bernard Gotfryd donated an additional thirteen photographs, with negatives, for the photographic collection in his name already in the YIVO's holdings.
- Raphael Blumenfeld donated photographs of recent Yiddish cultural activities in Ashkelon, Israel.
- Antique Jewish postcards were donated, separately, by Dinah Lindauer and Gerson Jerus.
- Martha Kaplan also donated antique Jewish postcards, as well as family photographs.
- Nadav Levitan donated Chava Alberstein's film, "Too Early to Be Quiet, Too Late to Sing," about living Yiddish poets.



**Teacher Saul Goodman with a Workmen's Circle School class, Dumont Avenue, Brooklyn, February 1941. Donated by Goodman's son, Prof. Jacob Eli Goodman,**

# Donors of $5000 and Above



The YIVO Institute for Jewish Research thanks the following donors for helping to preserve our Jewish heritage through their generous support. In the last issue, *Yedies* acknowledged gifts of $1000 - $4999. This issue recognizes donors of $5,000 and above from June 1, 1999 - May 31, 2000. Donors of $1,000 - $4,999 will appear in the next edition of *Yedies*.

## Gifts of $50,000 and Above

*Atran Foundation, Inc.*

*Conference on Jewish Material Claims Against Germany*

*Tanya and Sol Neil Corbin*

*Estate of Pearl Heifetz*

*Estate of Rose and Bernard Luks*

*Ann and Irwin Jacobs*

*NYS Department of Education*

*Nash Family Foundation, Inc.*
*Helen and Jack Nash*

*National Foundation for Jewish Culture*

*RSL Communications*
*Jo Carole and Ronald S. Lauder*

*Francesca and Bruce Slovin*

*Naomi and Motl Zelmanowicz*

## Gifts of $25,000 and Above

*California Federal Bank*
*Jerry and Carl B. Webb*

*Estate of Rose C. Stern*

*Hebrew Immigrant Aid Society*

*Fanya Gottesfeld Heller*

*J. Epstein Foundation*
*Jeffrey E. Epstein*

*Erica Jesselson*

*Lehman Brothers Inc.*
*Constance and Harvey M. Krueger*

*Leucadia National Corporation*
*Diane and Joseph S. Steinberg*

*Slim Fast Nutritional Foods Foundation*
*S. Daniel Abraham*

*Steinhardt Management LLC*
*Judy and Michael H. Steinhardt*

*Thomas H. Lee Company*
*Ann and Thomas H. Lee*

*Wachtell, Lipton, Rosen & Katz*
*Toby and Bernard Nussbaum*

*Andrea and Samuel D. Waksal*

*Willis Corroon Corporation of New York*
*Sally and Anthony DeFelice*

## Gifts of $10,000 and Above

*Access Industries, Inc.*
*Len Blavatnik*

*Alice M. and Thomas J. Tisch Foundation*
*Alice and Thomas J. Tisch*

*American Stock Transfer & Trust Company*
*Leah and Michael Karfunkel*

*Anonymous*

*Bank of America*
*Mark R. Antweil*

*Beate and Joseph D. Becker*

*Phyllis and Martin L. Berman*

*Beyer Blinder Belle*
*Ellen and Richard Blinder*

*Eva and Josef Blass*

*Cleary, Gottlieb, Steen & Hamilton*
*Betsy and Max Gitter*

*Cozen and O'Connor*
*Stephen A. Cozen*

**Each issue of *Yedies* will feature items from the YIVO collection. The following photos are from Poland's Bialystok area in the interwar period.**



**Outdoor meal time at Yehudia Summer Camp for Orthodox Children. Dlugosiadlo, Poland, circa 1930.**



**Young men posing amongst trees. Grodno, 1929.**

# From June 1, 1999 – May 31, 2000



*Datascope Corporation*
*Carol and Lawrence Saper*

*Dibner Fund, Inc.*
*David Dibner*

*Bernice and Donald G. Drapkin*

*Barbara and Daniel Drench*

*Ernst & Young*
*Katherine and Gerald D. Cohen*

*Estate of Alexander E. Racolin*

*Estate of Dr. Belle Abramson*

*FAB Industries, Inc.*
*Halina and Samson Bitensky*

*Family Management Corporation*
*Cathy and Seymour Zises*

*Forward Association, Inc.*

*Fred & Sharon Stein Foundation*
*Sharon and Fred Stein*

*Friedman, Billings, Ramsey & Co. Inc.*
*Kindy and Emanuel J. Friedman*

*Michael Fuchs*

*Diane and Mark Goldman*

*Goldman, Sachs & Co., Inc.*
*Suzanne and Thomas S. Murphy*

*Gotham Partners*
*Management Co., LLC*
*Karen and William A. Ackman*

*Greystone & Co.*
*Steve Rosenberg*

*Andrea and Warren Grover*

*HSBC Bank USA*
*Dianne LaBasse*

*Jewish Genealogical Society*

*Joseph E. Seagram and Sons, Inc.*
*Edgar Bronfman*

*KPMG LLP*
*Renee and Michael J. Regan*

*Lancer Group*
*Michael Lauer*

*Lehrer McGovern Bovis*

*Martin and Doris Payson*
*Charitable Foundation*
*Doris and Martin D. Payson*

*Susanne and Jacob Morowitz*

*Morris and Alma Schapiro Fund*
*Linda S. Collins*

*Nusach Vilne, Inc.*
*Simon Palevsky*

*Paul, Weiss, Rifkind, Wharton*
*& Garrison*
*Laura and Robert C. Fleder*

*Anne and Martin Peretz*

*Philip Morris Companies Inc.*
*Joan and Joseph F. Cullman III*

*Polen Capital Management Corp.*
*Rosa and David M. Polen*

*Charles J. Rose*

*Sakura Dellsher, Inc.*
*Betty and Leo Melamed*

*Skadden, Arps, Slate, Meagher & Flom*
*Franklin Gittes*

*Sol Goldman Charitable Trust*
*Amy P. Goldman*

*Sonya Staff Foundation*
*Eve Staff Rosahn*

*Vera Stern*

*Theodore and Renee Weiler*
*Foundation Inc.*
*Richard I. Kandel*

*Triarc Companies Inc*
*Leni and Peter May*

*Wachtell, Lipton, Rosen & Katz*
*Ruth and Theodore N. Mirvis*

*Weil, Gotshal & Manges LLP*
*Joann and Robert Todd Lang*

*Wolf, Block, Schorr, Solis-Cohen LLP*
*Matthew H. Kamens , Esq.*

*Baker & McKenzie*
*William J. Linklater*

*[continued on page 30]*





**Left Photo: Mendel Grandzhitski, haberdashery owner, with his two children by the water. Grodno, 1920s-1930s.**

**Right Photo: "With best wishes to Solomon Lifshitz." Grodno, 1914. [Herman Joblokow collection]**

## Gifts of $5000 and Above

[continued from page 29]

*Barclays Capital*
*Terrance Bullock*

*Baruch College/CUNY*
*Sidney I. Lirtzman*

*Ann and Kenneth J. Bialkin*

*CIBC Oppenheimer Corp.*
*Lotte and Ludwig Bravmann*

*Chase Securities Inc.*
*Doug Traver*

*Gail and Gerald L. Chasin*

*City University of New York*
*Matthew Goldstein*

*Cravath, Swaine & Moore*
*Allen Finkelson ,Esq.*

*Credit Suisse/First Boston*
*MaryAnn and Gordon A. Rich*

*D.H. Blair Investment Bank Corp.*
*Rozi and Morton Davis*

*E.M. Warburg, Pincus & Co., LLC*
*Lionel I. Pincus*

*Estate of Hannah H.*
*& Charles Kreindler*

*Estate of Hannah Levin*

*Gittis Family Foundation*
*Howard Gittis*

*Hebrew University of Jerusalem*

*Herman Kaiser Foundation*
*Randolph M. Nelson*

*Joseph H. Reich & Co.*
*Carol and Joseph H. Reich*

*Sima and Nathan Katz*

*Kramer, Levin, Naftalis & Frankel*
*Thomas E. Constance , Esq.*

*Linda and Benjamin V. Lambert*

*William Landberg*

*Tamar F. Levin*

*Ruth and David A. Levine*

*MacKenzie Partners, Inc.*
*Daniel H. Burch*

*Victor Markowicz*

*Martin H. Bauman Associates, LLC*
*Sherry and Martin H. Bauman*

*Milberg Weiss Bershad Hynes & Lerach*
*Melvyn I. Weiss Esq.*

*NYC Department of Cultural Affairs*
*Schuyler G. Chapin, Comissioner*

*New York Metropolitan Reference*
*and Research*

*Newmark & Company Real Estate, Inc.*
*Paula and Jeffrey R. Gural*

*Harold Ostroff*

*Diane and Robert Pryt*

*Arlene and Arnold D. Richards*

*Sandra and William L. Richter*

*Rebecca E. Rieger*

*Sanders Morris Mundy Inc.*
*Don A. Sanders*

*Richard J. and Joan G. Scheuer*
*Family Foundattion*
*Joan and Richard J. Scheuer*

*Jay Schottenstein*

*Ida and Bernard S. Schwartz*

*Sholem Aleichem Folk Shul No. 21, Inc.*

*Sy Syms Foundation*
*Lynn and Sy Syms*

*United Refining Company*
*John A. Catsimatidis*

*Valerie Charles Diker Fund, Inc.*
*Valerie and Charles M. Diker*

*Irene and Simas Velonskis*

*Vinson & Elkins L.L.P.*
*Harry M. Reasoner Esq.*

*Frances Weinstein*

*Whale Securities Co., L.P.*
*Claudia and William G. Walters*

*Elizabeth and Joseph Wilf*

*Zantker Charitable Foundation, Inc.*
*Joseph H. Miller*



**Left Photo: A group of girls at the Yehudia Summer Camp for Orthodox children. 1930.**



**Right Photo: Woman on the right is actress Celia Kulbotskaya. [Herman Joblokow collection]**

# Letters to *Yedies*

We encourage our readers to write (by regular mail or e-mail) with comments and responses to *Yedies*.

## Mourning Dina Abramowicz

**Dear Editor:** The Board of Directors and membership of the Medem Library in Paris wish to express their sadness at the passing of Dina Abramowicz, who for decades was the loyal and efficient head librarian of YIVO.

Dina Abramowicz's name will always be linked to the noblest traditions of YIVO, to its Vilna roots and to Max Weinreich's leadership in the field of Yiddish. Her devotion to her work is exemplary to us all and an inspiration to everyone with any connection to the world of Yiddish books, wherever they may be.

Please convey our sympathies to the family.

*Yitskhok Niborski*
*Vice-Chairman, Medem Library (Paris, France)*

**Dear Editor:**We have learned, with sorrow, of the passing of our friend Dina Abramowicz, YIVO librarian. We know the importance of her work, which she performed conscientiously and competently. We remember well the kindness and the help she gave to so many of our students and researchers. The Centre Culturel Vladimir Medem wishes to convey to YIVO our deep sorrow.

*Jacqueline Gluckstein, Henri Minczeles*
*Cercle Amical - Arbeter Ring*
*Centre Culturel Vladimir Medem, Paris, France*

## Thanks to Music Archivist

**Dear Editor:** I wanted to thank Chana Mlotek of the YIVO Music Archive for her help with my thesis. She encouraged me to dream and gave me the resources to bring the dream to life. I have found a great passion in not only performing Yiddish songs, but also in examining them as great sources of Jewish experience.

*Amy Lefko,*
*New York, NY*

**Dear Editor:** I would like to thank YIVO's Chana Mlotek for her advice with regard to Klezmer music. On my visit to YIVO, she showed me materials that were very valuable to me. I had much trouble obtaining information about Klezmer music in Japan and was glad to have gotten that information from you in New York. Thank you Mrs. Mlotek for your time and the benefit of your experience.

*Hiroko Harano*
*Graduate student in musicology*
*Osaka Educational University, Japan*

## Reactions to New Web Site

THAT IS ONE GREAT LOOKING WEB SITE! Very nice indeed.

*Abigail Yasgur, Director*
*Jewish Community Library of Los Angeles*

I checked out the new YIVO site. Wonderful work, easy to navigate, and filled with great information. Congratulations to all of you!

*Arthur Kiron, Curator*
*Judaica Collections*
*University of Pennsylvania Library*

## Research Help

**Dear Editor:** I take this opportunity to thank YIVO for the very kind help with my dissertation research. The YIVO staff prepared for me a microfilm of twelve manuscripts containing translations of *The Merchant of Venice* into Yiddish. Over the past year, I patiently scanned the microfilm and stored the manuscripts in computer files that I later collected on a compact disk. This method renders them accessible and they are easily reproduced, not only for the benefit of my own project, but also for other researchers. In fact, I have already received requests from scholars who would like to see some of the manuscripts.

I am therefore very pleased to send YIVO a compact disk that contains the twelve manuscripts. I hope that this collection will be as helpful to others as it has been for my own work. Of course, the rights to use and reproduce these materials belong to the YIVO Institute.

*Dror Abend-David*
*Comparative Literature*
*New York University*

## *Zamler* Project

**Dear Editor:** I was very impressed by your last issue of *Yedies*. Clearly all kinds of good things are happening at YIVO. I was particularly interested in the study being done in the Hasidic communities, and I wanted to suggest a fascinating article that deals with the subject. It is called "Diabolus Ex-Machina: An Unusual Case of Yuhasin," by Hannah G. Sprecher, who lives in Brooklyn. It was published in the *Jewish Law Association Studies VIII: The Jerusalem 1994 Conference Volume.*

*Professor Edward Goldman*
*Hebrew Union College, Cincinnati, OH*

Thank you for your suggestion. By the way, the *Zamler* Project is featured on page 11 of this issue.

*Editor*

# דוד ראָגאָוו אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ אין וואַשינגטאָן וועגן לעבן פֿון פּליטים נאָך דער באַפֿרײַונג

די קאָנפֿערענץ האָט אָרגאַניזירט דער חורבן־מוזיי אין וואַשינגטאָן א״נ: „דאָס לעבן באַנײַט: ייִדישע די־פּיס, 1951-1945", יאַנואַר 14-17, 2000. ראָגאָוו האָט דערציילט וועגן זײַנע טעאַטער־אַקטיוויטעטן אין פּוילן און אין די די־פּי־לאַגערן אין עסטרײַך, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דײַטשלאַנד און בערגען־בעלזען; וועגן דעם ווי שווער ס׳איז געווען צו געפֿינען פּאַסיקן מאַטעריאַל, ווײַל די ביבליאָטעקן זײַנען געווען „ייִדישע־ביכער־ריין"; וועגן די טעאַטער־זאַלן איבערגעבויטע פֿון עס־עס־באַראַקן; אָבער אויך וועגן די ענטוזיאַסטישע אָפּרופֿן אומעטום, ווו ייִדישע אַקטיאָרן זײַנען אויפֿגעטראָטן און געבראַכט אַ ביסל פֿרייד צו די עלנטע, אויסגעמאַטערטע פּליטים.

ער האָט דערציילט וועגן דעם גרינדן אין מינכן אַן ערשטקלאַסיקן קונסט־טעאַטער אין 1947-1946 א״נ „מיט" (מינכענער ייִדישער טעאַטער), אונטער דער אָנפֿירונג פֿרײַער פֿון ישׂראל בעקער און נאָך דעם פֿון אַלעקסאַנדער באַרדיני. דער טעאַטער איז געשטיצט געוואָרן פֿון „דזשוינט" און פֿון „צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּליטים אין דער אַמעריקאַנער זאָנע". צווישן די אויפֿפֿירונגען, אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, זײַנען געווען: „שווער צו זײַן אַ ייִד" פֿון שלום־עליכם; „איך לעב" פֿון י. פּינטשעווסקי; „שלמה מולכו" פֿון אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס; „די האָפֿענונג" פֿון הערמאַן הײַערמאַנס; „מירעלע אפֿרת" פֿון יעקבֿ גאָרדין; „צווײ קוני־לעמלעך" פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען. ראָגאָוו האָט אויך דערציילט וועגן די צענדליקער דראַמקרײַזן און ליבהאָבערס־טעאַטערס, כמעט אין יעדן לאַגער.

## גענשטאָרבן רבֿקה (רות) רובין (1906‑2000)



זונטיק, דעם 11טן יוני, איז געשטאָרבן די באַקאַנטע פֿאָלקלאָר־פֿאָרשערין און זינגערין ד״ר רבֿקה (רות) רובין. זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע זאַמלערין פֿון ייִדישע פֿאָלקס־לידער, האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער און דיסקן מיט פֿאָלקסלידער. אירע מאַנוסקריפּטן געפֿינען זיך איצט אינעם ייִוואָ־אַרכיוו און וועלן נאָך, האָפֿן מיר, דערזען די ליכטיקע שײַן.

נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט רעקאָרדירן ייִדישע לידער, דערעיקרשט געזונגענע פֿון פֿרויען. נאָך פֿאַרן חורבן האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז אַ סך טראַדיציעס גייען אונטער און אַז מע דאַרף זיי פֿאַרשרײַבן איידער ס׳ווערט צו שפּעט. אַז זי האָט זיך דערוווּסט וועגן חורבן, האָט זי נאָך שווערער געאַרבעט בײַם רעקאָרדירן וואָס מערער. זי פֿלעג זיך אַרומטראָגן מיט אַן אַלטמאָדישן מאַגנעטאָפֿאָן פֿון אימיגראַנטיש הויז צו אימיגראַנטיש הויז. ווי זי האָט געשריבן אין דער הקדמה צו איינער פֿון אירע קאָלעקציעס: „דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע פֿאָלקסליד שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פֿון אַ מיליאָנען־פֿאָלק במשך אַ סך דורות".

רבֿקה ראָזנבלאַט איז געבוירן געוואָרן אין 1906 אין מאָנטרעאָל. טאַטע־מאַמע האָבן געשטאַמט פֿון באַסאַראַביע. אין די צוואָנציקער יאָרן האָט זי זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ווו זי האָט שטודירט בײַ ד״ר מאַקס ווײַנרײַך. זי האָט נישט נאָר געפֿאָרשט, נאָר אויך געזונגען פֿאַר אַן עולם אין אַזעלכע פּרעסטיזשיקע זאַלן ווי קאַרנעגי־האָל. איר איז אָבער געגאַנגען נישט אין זײַן אַ קאָנצערט־אַרטיסט, נאָר אין לערנען מיטן עולם, כּדי די לידער זאָלן ווײַטער געזונגען ווערן און אַריבערגיין פֿון דור צו דור.

## נײַעס פֿונעם זאַמלער־פּראָיעקט

פֿון זינט דעם פֿריִערדיקן נומער ידיעות האָט מען אַ היפּש ביסל דערגרייכט אין שײַכות מיטן זאַמלער־פּראָיעקט: געמאַכט פֿופֿצן אינטערוויוען, רעקאָרדירט צען אונטערנעמונגען, צונויפֿגעקליבן 250 פֿאָטאָגראַפֿיעס מיט אַ הונדערט פּלאַקאַטן. ר׳ אַבֿרהם־יהושע העשל איז דערגאַנגען, אַז העכער 250 חסידישע שטיבלעך זענען געשאַפֿן געוואָרן פֿון דער שארית־הפּליטה, וואָס אַליין שטאַמען זיי פֿון 150 פֿאַרשיידענע מיזרח־אייראָפּעיִשע שטעט און שטעטלעך: סלאָנים, קמאַרנע, סאַטמער, קאָפּיטשיניץ, מונקאַטש, באָבעוו, דעש, אַמשינעוו א״אַ. איצט וועט ער זיך באַקענען מיט די ייִדן וואָס דאַוונען אין די דאָזיקע שטיבלעך. פֿון די פּלאַקאַטן באַקומט מען אויך אַ סך אינפֿאָרמאַציע וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן בײַ ניו־יאָרקער חסידים. מיר דאַנקען אַלע וואָס האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף דער מעלדונג אין די ידיעות וועגן דעם פּראָיעקט און אונדז צוגעשטעלט וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס וועגן חסידים און וועגן באָראָ־פּאַרק.



דער קאָפּיטשיניצער רבי, ר׳ אַבֿרהם־יהושע העשל (1888‑1967), אין זײַנע קינדער־יאָרן

## אַרויס אַ באַנד וויני־דער־פּו




ס׳איז איצט אַרויס פֿון דרוק דאָס פּאָפּולערע ביכל וויני־דער־פּו, איבערגעזעצט אויף ייִדיש פֿונעם באַקאַנטן שרײַבער, לערער און איבערזעצער לייב (לעאָנאַרד) וואָלף, אַרויסגעגעבן פֿונעם פֿאַרלאַג „דאָטאָן". דאָס ביכל איז געשריבן ס׳רובֿ מיט ענגלישע אותיות און נעמט אויך אַרײַן די באַקאַנטע אילוסטראַציעס פֿונעם ענגלישן אָריגינאַל. אין זײַן דאַנקוואָרט אָנערקענט דער איבערזעצער פֿיר הײַנטיקע אָדער געוועזענע מיטאַרבעטערס אינעם ייִוואָ: הערשל גלעזער, בינה ווײַנרײַך, חנה מלאָטעק און מרדכי שעכטער.

# רעדע אויפֿן קבלת־פּנים לכּבֿוד דער נײַער אויפֿלאַגע פֿון די תּקנות

מיר האָבן זיך הײַנט דאָ פֿאַרזאַמלט צו פֿראַווען דאָס נײַע ביכל וואָס דער ייִוואָ אין אײנעם מיט דער ייִדיש־ליגע האָבן אָנומלט אַרויסגעגעבן: דער אײנהייטלעכער ייִדישער אויסלייג. דער נײַער באַנד נעמט אַרײַן די זעקסטע אויפֿלאַגע פֿון די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג אין אײנעם מיט מרדכי שעכטערס אַרבעט „פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך”.

מאָלט אײַך וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלער אויפֿטו די תּקנות זענען געווען בשעתו. דורך די הונדערטער יאָרן זינט אויפֿקום פֿון ייִדיש האָט מען געשריבן לויט כּלערליי שיטות און „אומשיטות”. דעמאָלט איז אויסלייג בכּלל און ייִדישער אויסלייג בפֿרט נישט געווען קיין ענין. בײַ ייִדן איז די קאָרעקטקייט פֿון אַ ספֿר־תּורה, פֿאַרשטייט זיך, יאָ געווען אַן ענין, אָבער אויף דער רעדשפּראַך האָט זיך דער צוגאַנג נישט איבערגעטראָגן. האָט זיך איטלעכער בדרך־כּלל פֿאַרגונען צו שרײַבן ווי ער פֿאַרשטייט.

ערשט אין „אונדזערע צײַטן”, ד״ה די לעצטע צוויי הונדערט יאָר, איז אויסלייג אַרויף אויפֿן סדר־היום. דאָס איז געקומען אַ דאַנק דעם נײַעם נאַציאָנאַליזם פֿון 19טן י״ה, וואָס לויט אים איז שפּראַך בכּלל און קולטורשפּראַך בפֿרט אַ סימן־מובֿהק פֿון אַ קולטורפֿאָלק. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע ייִדן האָבן געהאַלטן, אַז מאַמע־לשון איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק (זען די שייכדיקע רעזאָלוציע בײַ דער טשערנעוויצער קאָנפֿערענץ, (1908) און אַז מע דאַרף עס קולטיווירן. פֿונדעסטוועגן האָט זיך אין מיטן 19טן י״ה געגומען אַרויסשיילן אַ ייִדישע קולטורשפּראַך, אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק אונדזער קלאַסיקער מענדעלע מוכר־ספֿרים, און



דערבײַ אַ שטיקל באַציִונג צו שפּראַכקולטור בכּלל און צון אַ קאָרעקטן אויסלייג בפֿרט. צו ביסלעך איז אויפֿגעקומען אַ ייִדישע פֿילאָלאָגיע, וואָס בהסכּם מיט באַראַכאָווס ווייזיע האָט זי נישט סתּם געפֿאָרשט, נאָר איז אָקעגנגעקומען די באַדערפֿעניש פֿון פֿאָלק, אַרײַנגערעכנט דאָס צוגרייטן אַ מאָדערנעם אויסלייג.

נאָר ערבֿ די תּקנות איז דער מצבֿ פֿון ייִדישן אויסלייג אפֿשר געווען ערגער ווי קיין מאָל פֿריִער. ווי געזאָגט איז אויסלייג דורך די הונדערטער יאָרן נישט געווען קיין ענין. אָבער אין דער תּקופֿה וואָס באַלד פֿאַר די תּקנות איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען דער טראַדיציאָנעלער אויסלייג, וואָס כאָטש ער האָט געהאַט חסרונות איז ער פֿאָרט געווען אַן אײַגענער און געהאַט אַ ייִדישן טעם, און אויף זײַן אָרט איז געקומען דער דײַטשמערישער אויסלייג, וואָס ער איז „נישט געוואַקסן אויף אונדזער מיסט”. איז דער פּראָיעקט פֿון די תּקנות געווען סײַ בהסכּם מיט דער נאַציאָנאַלער אויפֿוואַכונג, סײַ אַ רעאַקציע אויף דער דײַטשמערישער כוואַליע. אין טייל פּרטים זענען די תּקנות טאַקע נאָוואַטאָריש, אָבער אין אַ גרויסער מאָס אויך אַ פּרווו צו רעסטאַווירן דעם דורותדיקן אײַנפֿיר. און אפֿשר קומט דער גרעסטער שבֿח די צונויפֿשטעלערס און זייערע נאָכגייערס, וואָס די תּקנות האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אָן אַ מלוכה, אָן מלוכישן צוואַנג, און מיט אַ נײַער, בלויז צום טייל אַנטוויקלטער שולסיסטעם. זיי האָבן יאָ געהאַט אַ ייִוואָ, מיט מאַקס ווײַנרײַך בראָש, און אַ צישאָ (צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע), וואָס האָבן געגלייבט אין דער זאַך און האָבן געהאַלטן, אַז מאַמע־לשון מוז זײַן אויף אַ ניוואָ, האָבן אַ שיין פּנים. ווי האָט ווײַנרײַך געשריבן אַבֿרהם סוצקעווערן בשעתו, איידער די גאָלדענע קייט האָט אײַנגעפֿירט די תּקנות: „ארומגיין פֿאַרדריפּעט און פֿאַרסמאַרקעט, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, טאָר מען נישט”.

די איצטיקע אויפֿלאַגע איז אויך אַן אויפֿטו פֿאַר זיך. קודם־כּל, ווײַל די לעצטע פֿריִערדיקע אויפֿלאַגע איז אַרויס אין 1947 און שוין לאַנג אויספֿאַרקויפֿט. דער נײַער גילגול איז שענער און וואָגיקער. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק ד״ר שעכטערס עסיי, וואָס גיט צו אי וואָג ממש, אי מעטאָפֿאָריש. ס׳איז, קענטיק, דער ערשטער אַזעלכער איבערבליק איבער דער היסטאָריע פֿונעם אײנהייטלעכן ייִדישן אויסלייג, פֿון פֿאַר צײַטנס ביזן הײַנטיקן טאָג.

—ה.ג.

## תּקנות [המשך פֿון ז׳ א]

פֿישמאַן (ישיבֿה־אוניווערסיטעט) און אַ הקדמה פֿון ד״ר שעכטער, אויף ייִדיש און ענגליש; אַ וואָרט פֿריִער אויף ענגליש פֿון ד״ר אַהרן־לייב נאַדלער (געוועזענער וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿונעם ייִוואָ); און אַ קיצור אויף ענגליש פֿון „פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך” פֿון ד״ר הערשל גלעזער (וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער פֿונעם ייִוואָ). צום קאָמיטעט אַרויסגעבערס פֿונעם ביכל האָבן געהערט: ד״ר גלעזער, אַבֿרהם־יעקבֿ זאַקס, לייבל כּהן ע״ה, ד״ר דוד־אליהו פֿישמאַן, ד״ר שעכטער און גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט. ואחרון אחרון, די פֿינאַנציעלע שטיצערס: שמואל און יצחק קרײַסבערגער, אָדם און פּערל טייטלבוים, שעלבי שאַפּיראָ, לאהלע זילבערט, „שמואל און סימע קאַפּלאַן־פֿאָנד פֿאַר מאַמע־לשון” בײַ דער ייִדיש־ליגע, ד״ר ראובֿן טאַרטעל א״אַ.

לכּבֿוד דעם לאַנג געגאַרטן באַנד האָט דער ייִוואָ געמאַכט אַ קבלת־פּנים דאָנערשטיק, דעם 1טן יוני, אינעם נײַעם „צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע”. ד״ר שעכטער האָט דאָרטן גענומען אַ וואָרט און ד״ר גלעזער האָט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ.

# בינה וויַינרייך אַרויס אויף פּענסיע

דער נאָמען בינה וויַינרייך איז פֿאַרבונדן מיטן ייִוואָ דורך כּמעט דער גאַנצער אַמעריקאַנער תּקופֿה. אָנגעהויבן האָט זי נאָך צו אַכצן יאָר ווי אַ תּלמידה און אַן אַספּיראַנט פֿונעם ייִוואָ, וווּ זי האָט זיך געלערנט בײַ די גדולי־הדור פֿון יענער צײַט: מאַקס וויַינרייך, יעקבֿ שאַצקי, שלמה נאָבל, אַבֿרהם מענעס א"אַ. בײַ די קורסן האָט זי זיך באַקענט מיט איר מאַן, אוריאל וויַינרייך, ווי אויך אַנדערע וואָס האָבן מיט דער צײַט עולה־לגדולה געווען: שמואל לאַפּין, שיקל פֿישמאַן, חנה גאָרדאָן מלאָטעק, יאָסל מלאָטעק, מענדל האַפּמאַן א"אַ.



פֿרוי וויַינרייך האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין ייִוואָ אין 1947 ווי אַ געהילף פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן דירעקטאָר, ד"ר מאַקס וויַינרייך. זינט דעמאָלט האָט זי דאָ געטאָן די פֿאַרשיידנסטע מינים אַרבעט. זי האָט צונויפֿגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון ביכלעך אויף דזשודעזמע; רעקאָרדירט ייִדן פֿון דער שארית־הפּליטה דאָ אין ניו־יאָרק און דערמיט געשאַפֿן אַן אַרכיוו פֿון גערעדטן ייִדיש; צוזאַמענגעאַרבעט מיט אוריאלן בײַם צוגרייטן דעם ייִדישן שפּראַך־אַטלאַס; אים אויך געהאָלפֿן בשעת ער האָט צונויפֿגעשטעלט זײַן ווערטערבוך. זיי האָבן אויך צוזאַמענגעאַרבעט בײַם צוגרייטן זייער ביבליאָגראַפֿיע א"ט „ייִדיש שפּראַך און פֿאָלקלאָר". דורך די 1960ער האָט זי געטאָן כּלערליי אַרבעטן בײַם שפּראַכאַטלאַס.

אָנהייב 1970ער יאָרן איז זי ווידער געוואָרן אַ פֿולצײַטיקער מיטאַרבעטער דאָ אין ייִוואָ. זינט דעמאָלט האָט זי געאַרבעט בײַ: רעדאַקטירן די ייִוואָ־בלעטער און דעם „ייִוואָ ענױעל", געהאָלפֿן צוגרייטן די זומער־פּראָגראַם א"נ אוריאל וויַינרייך, געווען אַ מיטגליד פֿון דער פֿאָרש־ און פּלאַניר־קאָמיסיע, געווען פֿאַרזיצער פֿון דער פּובליקיר־קאָמיסיע – וווּ זי איז געווען דער ממונה איבער די ייִוואָ־זשורנאַלן (ייִוואָ־בלעטער, ייִדיש שפּראַך, ידיעות פֿון ייִוואָ און „ייִוואָ ענױעל"), ווי אויך איבער די ביכער וואָס דער ייִוואָ האָט אַרויסגעגעבן. מיט דער צײַט האָט זי איבערגענומען די רעדאַקציאָנעלע אַרבעט בײַ די ידיעות.

די גאַנצע צײַט האָט זיך בינה וויַינרייך אויך פֿאַרנומען מיט איר אייגענער ספּעציאַליטעט, פֿאָלקלאָר. זי האָט געהאַלטן רעפֿעראַטן און געפֿירט דעם פֿאַרזיץ בײַ קאָנפֿערענצן און צונויפֿגעשטעלט אַן אויסשטעלונג וועגן ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין 1988 קומט דער הויכפּונקט פֿון איר פֿאָלקלאָר־אַרבעט: דער ייִוואָ גיט אַרויס אַ באַנד ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות איבערגעזעצטע אויף ענגליש, וואָס די קריטיקערס האָבן זיך דערפֿון נישט געקענט אָפּלויבן. די לעצטע צען יאָר האָט זי גוואַלדיק הנאה געהאַט פֿון פֿירן גראַדויִר־קורסן, דערעיקרשט וועגן פֿאָלקלאָר, אָבער אויך וועגן שפּראַך און ליטעראַטור, בײַם מאַקס וויַינרייך־צענטער. עטלעכע פֿון אירע תּלמידים זענען הײַנט אַליין לערערס פֿון ייִדיש, ייִדישער ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר.

אין די קומעדיקע יאָרן האָפֿט בינה וויַינרייך וויַיטער זיך אָפּצוגעבן מיט פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג און וועט זײַן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אינעם ייִוואָ־אַרכיוו. ווינטשן מיר איר לאַנגע, געזונטע, שאַפֿערישע יאָרן ביז הונדערט און צוואַנציק!

## באַשיידט אַ רעטעניש: פֿראַדעל שטאָק

נאָוועמבער 1999 האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם ייִוואָ־אַרכיוו. מײַן עבֿודה איז געווען צו קאַטאַלאָגירן די אַב. קאַהאַן־טעקע פֿונעם בונד־אַרכיוו. דאָרטן האָב איך געפֿונען אַ פֿאַרגעלטע פּאַפּקע מיט אַ טיטל „פֿראַדעל שטאָק".

ס'האָט מיר געטאָן אַ טיאַכקע אין האַרצן. וועגן פֿראַדעל שטאָק האָב איך געהאַט אָפּגעדרוקט סײַ אַ ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעט, סײַ אַ דערציילונג. איידער כ'האָב געעפֿנט די פּאַפּקע, האָב איך געמיינט, אַז כ'ווייס שוין אַלץ וועגן יענער ייִדישער שרײַבערין. געבוירן אין 1890 אין סקאַלע (מיזרח־גאַליציע), איז זי געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1907. איר ביכל געזאַמלטע דערציילונגען האָט זייער אויסגענומען בײַ אַ סך ניו־יאָרקער קריטיקערס. נאָר צוליב אַ צאָל נעגאַטיווע רעצענזיעס האָט זי אויפֿגעהערט צו שרײַבן אויף ייִדיש. אין 1927 האָט זי אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן אויף ענגליש, וואָס מע האָט ברוטאַל אַראָפּגעריסן. לויטן לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז זי „אַרום 1930 [...] געוואָרן מעלאַנכאָליש און געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר גײַסטיק קראַנקע".



פֿראַדעל שטאָק

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ס'איז נישט אַזוי: אין דער פּאַפּקע האָב איך געפֿונען צוויי בריוו פֿון יאָר 1942. דער ערשטער, דאַטירט דעם 30סטן אָקטאָבער, לאָס־אַנדזשעלעס, לייענט זיך אַזוי: „געערטער הער קאַהאַן [...] איך שיק אײַך אַ דערציילונג. איך האָף, אַז זי וועט אײַך געפֿעלן. מיט דרך־ארץ, פֿ. שטאָק". דער צווייטער, דאַטירט דעם 13טן נאָוועמבער, ניו־יאָרק, לייענט זיך אַזוי: „אײַער דערציילונג וואָס מיר האָבן דערהאַלטן לעצטע וואָך וועט געדרוקט זײַן [...] אײַער אַב. קאַהאַן". אויב אַזוי איז קלאָר, אַז זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרײַבן. איר דערציילונג „אַ סוחר פֿון פֿעל" האָט זיך געדרוקט אין פֿאָרווערטס דעם 19טן נאָוועמבער 1942. כאָטש די מעשׂה שפּילט זיך אָפּ אין אַ מיזרח־אייראָפּעיִש שטעטל פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די מחברטע גיכער געמיינט די צווייטע וועלט־מלחמה. נאָך איר כּלומרשטן טויט האָט זיך פֿראַדעל שטאָק נאָך געדרוקט.

ד"ר נחמה פֿײַן פּראַט, אַ געוועזענע מיטאַרבעטערין אין ייִוואָ, איז איצט רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿונעם פֿאַרלאַג „בערגהאַהן בוקס".

### יאָסל מלאָטעק, 1918־2000

ווען דער נומער איז שוין געווען אין דרוק איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשׂורה, אַז ס'איז געשטאָרבן יאָסל מלאָטעק, אַ זײַל אויף דער ייִדישער גאַס און דער מאַן פֿון אונדזער קאָלעגין חנה מלאָטעק. לאָמיר מער נישט ווייסן פֿון קיין צער.

# ייִדיש־אַקאַדעמישער סעמינאַר

דער ייִוואָ האָט דאָס יאָר דורכגעפֿירט מיט גרויס הצלחה אַ נײַעם אַקאַדעמישן סעמינאַר אויף ייִדיש, אָנגעפֿירט פֿון ד״ר דוד פֿישמאַן און ד״ר הערשל גלעזער. די צווייוואָכיקע פֿרײַטיקדיקע סעמינאַרן האָבן צוגעצויגן אַ בכּבֿודיקן עולם געלערנטע און גראַדויִר־סטודענטן אין דעם פֿעלד מאַמע־לשון בפֿרט און מיזרח־אייראָפּעיִשע לימודים בכּלל. דאָס וואָס דער סעמינאַר האָט זיך געפֿירט אויף ייִדיש איז אַ סימן פֿון ממשיך זײַן די ייִוואָ־טראַדיציע פֿון רעדן ייִדיש ווי אַן אַקטיווע שפּראַך אויף וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן און דיסקוסיעס.

דאָ ווײַטער זײַנען די רעפֿעראַטן פֿון יאָר 2000:

- דעם 28סטן יאַנואַר: זלמן אַלפֿערט (ישיבֿה־אוניווערסיטעט) – „נײַע טענדענצן אין אַמעריקאַנער חסידישע באַוועגונגען״
- דעם 11טן פֿעברואַר: פּראָפֿ׳ שיקל פֿישמאַן (ישיבֿה־אוניווערסיטעט) – „די אַנדערע ייִדישע לשונות אין ישׂראל״
- דעם 25סטן פֿעברואַר: מאַרעק וועב (ייִוואָ) – „נײַעס פֿונעם ייִוואָ־אַרכיוו״
- דעם 10טן מאַרץ: חייםביידער (זשורנאַליסט) – „אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן מענדעלע און גאָטלאָבער״
- דעם 24סטן מאַרץ: מינאַ בערן (אַקטריסע) – „מײַן לעבנסוועג און דער ייִדישער טעאַטער״
- דעם 7טן אַפּריל: פּראָפֿ׳ דבֿ נוי (העברעיִשער אוניווערסיטעט) – „ייִדיש־מקורים פֿון ישׂראלדיקע זינגלידער״ (אין אָנדענק פֿון זײַן ברודער מאיר)
- דעם 28סטן אַפּריל: קלמן ווײַזער (קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט) – „נח און צבֿי פּרילוצקי און דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן״
- דעם 12טן מײַ: פּראָפֿ׳ אַבֿרהם נאָווערשטערן (העברעיִשער אוניווערסיטעט) – „די ייִדישע ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל, 1948-1928״.

אינעם נײַעם אַקאַדעמישן יאָר וועלן זיך באַנײַען די סעמינאַרן. קוקן מיר אַרויס אויף נאָך אַזעלכע הצלחות!

## מינאַ בערן בײַם סעמינאַר אויף ייִדיש



פֿרײַטיק, דעם 24סטן מאַרץ, האָט די באַוווּסטע אַקטריסע מינאַ בערן דערציילט איר לעבנס־געשיכטע בײַם סעמינאַר אויף ייִדיש.

זי איז געבוירן אין בילסק (ביעלסק־פּאָדליאַסק), ניט ווײַט פֿון ביאַליסטאָק. צו זיבעצן יאָר איז זי געפֿאָרן קיין לאָדזש, ווו זי שטייט צו צום קליינקונסט־טעאַטער אַרט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פּאָעט און טעאַטראַל משה בראָדערזאָן. דער אַרט האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַנע סאַטירעס און ווו די דאָס קאָמיקער־פּאָרל דזשיגאַן און שומאַכער זײַנען געוואָרן די באַליבטסטע אַקטיאָרן בײַ פּוילישע ייִדן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון מינאַס הצלחהדיקן וועג אינעם ייִדישן טעאַטער.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז זי דורכגעגאַנגען שיבֿעה־מדורי־גיהנום. געלאָפֿן פֿון די דײַטשן מיט אַ קליין קינד קיין רוסלאַנד, פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין אוגאַנדע. סוף־כּל־סוף מיט נסים זיך דערשלאָגן קיין ישׂראל און געשפּילט אין ייִדיש און אין עבֿרית אינעם לי־לה־לו־טעאַטער. פֿאַרבעטן געוואָרן צו קומען אויף גאַסטשפּילן קיין ניו־יאָרק און באַלד פֿאַרנומען אַ חשובֿן אָרט אינעם אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער, ווו זי איז אַקטיוו ביז אויף הײַנטיקן טאָג. אָנגעפֿירט מיט אַ טעאַטער אויף דער צווייטער עוועניו צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם באַרימטן זינגער־אַקטיאָר בען באָנוס ע״ה. אַרומגעפֿאָרן איבער אַמעריקע מיט קינסטלערישע פּראָגראַמען. די לעצטע יאָרן איז מינאַ בערן פֿאַרבונדן מיט דער „פֿאָלקסבינע״, ווו זי צייכנט זיך אויס אין וויכטיקע כאַראַקטער־ראָלעס.

דער ייִוואָ ווינטשט איר נאָך אַ סך שאַפֿערישע יאָרן!

## נײַער ייִדיש־קורס

דעם פֿאַרגאַנגענעם (פֿרילינג־)זמן האָט ד״ר הערשל גלעזער, וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער, געלייענט אַ קורס „אַרײַנפֿיר אין דער ייִדישער לינגוויסטיק פֿאַר נישט־ספּעציאַליסטן״. דער קורס איז אויפֿגעקומען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון עטלעכע סטודענטן, וואָס זײַ שרײַבן איצט דיסערטאַציעס אויפֿן שטח פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר וואָס ווילן קענען, זאָל זײַן אויפֿן שפּיץ מעסער, די ייִדישע לינגוויסטיק: ברוכה לאַנג קאַפּלאַן און נעכע (נעמי) קאַדאַר (קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט) און מאַרק קאַפּלאַן (ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט). מע האָט אַרומגערעדט עטלעכע וויכטיקע שטודיעס פֿון דער לינגוויסטישער ליטעראַטור, געשריבענע אויפֿן שווערן לשון־הלינגוויסטיק, וואָס ד״ר גלעזער האָט דורך זײַנע קלאָרע אויפֿקלערונגען געמאַכט צוגענגלעך פֿאַר די סטודענטן נישט־ספּעציאַליסטן. דער עיקר האָט ד״ר גלעזער געשאַפֿן אַ באַקוועמע לערן־סבֿיבֿה, אין וועלכער די סטודענטן האָבן באַקומען תּירוצים אויף אַלע קשיות, וואָס זײַ האָבן אַ מאָל געוואָלט שטעלן וועגן דער ייִדישער לינגוויסטיק.

# 2000־1909

מיט דינה אַבראַמאָוויטש האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט ווען איך בין געקומען אין ייִוואָ וועגן אַ שטעלע פֿון געהילף־ביבליאָטעקער. געווען צווישן אונדז אַ סך אונטערשיידן: זי אַן אייראָפּעיִש־געבוירענע, איך אַן אַמעריקאַנערין; זי אַ ליטוויטשקע, איך אַ גאַליציאַנערין; זי אַ קענערין פֿון סלאַווישע שפּראַכן, איך פֿון העברעיִש; זי פֿון אַ וועלטלעכער סבֿיבֿה, איך פֿון אַן אָרטאָדאָקסישער; זי שוין אַן עלטערער מענטש, איך נאָר וואָס אַרויס פֿון גראַדויִר־שול. דאָס וואָס מיר זענען אַזוי פֿײַן אויסגעקומען כּמעט דרײַ יאָרצענדליק איז אַ סימן פֿון דינהס ליבשאַפֿט און באַציִונג צו די כּלערליי מענטשן, וואָס זי האָט באַדינט: בונדיסטן און חסידים, הדיוטים און געלערנטע, ישׂראלים און רוסן, ייִדן און נישט־ייִדן.

איך דערמאָן זיך ווי מיר זענען איין מאָל געווען צוזאַמען אויף אַ קאָנפֿערענץ. ווי נאָר מיר האָבן זיך פֿאַרשריבן, איז זי באַלד צוגעגאַנגען צום אָרגאַניזירער און געבעטן בײַ איר אַ קאָפּיע פֿון די רעפֿעראַטן. זי האָט כּסדר „געשנאָרעט" פֿאַר דער ביבליאָטעקס וועגן, געשריבן אָן אַ צאָל בריוו קיין אויסלאַנד, מע זאָל שיקן יזכּור־ביכער אָדער פּריוואַט אַרויסגעגעבענע ביכער אויף מאַמע־לשון. אַזוי אַרום האָט זי אויפֿגעבויט די גרעסטע ייִדישע קאָלעקציע אין דער וועלט.

דינה האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעך וויסן. נישט לאַנג נאָכן אָנהייבן צו אַרבעטן אין ייִוואָ האָב איך צוגעזען, ווי דינה ענטפֿערט איינעם וואָס פֿרעגט, ווו קען ער געפֿינען שלום־עליכמס צוואָה. דינה האָט תּיכּף אָנגעוויזן דעם באַנד ווו די צוואָה איז אָפּגעדרוקט. האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: מע וואָלט געדאַרפֿט צוגרייטן אַ זוכצעטל פֿון די אַלע אינפֿאָרמאַציעס, וואָס בײַ דינהן אין קאָפּ. זי איז, אָבער, נישט געווען געגליכן צו יענעם ביבליאָטעקער אינעם ייִדישן אָפּטייל פֿון דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק, וואָס ווען מע האָט אים געפֿרעגט, „ווו איז דער קאַטאַלאָג?" האָט ער געענטפֿערט: „און וואָס בין איך, אַ פּגר?" דינהן פֿלעגן כּסדר אײַנפֿאַלן געדאַנקען ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן דעם קאַטאַלאָג. איך האָב קיין מאָל נישט באַוויזן צוצוגרייטן יענעם זוכצעטל, וועלן מיט דער צײַט נאָך זײַן אַ סך אומפֿאַרענטפֿערטע שאלות.

צום גליק האָט דינה יאָ פֿאַרשריבן טייל פֿון אירע ידיעות. צום בעסטן באַקאַנט זענען אפֿשר אירע ביבליאָגראַפֿיעס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דינה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז געלערנטע ניצן זי אָפֿט אויס, קריגן פֿון איר אַרויס דאָס וואָס זיי דאַרפֿן, נאָר שטעלן בלויז זייער אייגענעם נאָמען אויפֿן שער־בלעטל. אָן קיין געמאַכטער עניוות האָט זי זיך פֿאַר מיר אַ מאָל פֿאַרטרויט, אַז טייל מחברים דערמאָנען איר נאָמען נישט אויף צו דאַנקען איר, נאָר אויף צוצוגעבן חשיבֿות צו זייערע ביכער.

דינה אַבראַמאָוויטש איז געווען געבענטשט מיט אַריכות־ימים. פֿאַראַן אַ מסורה, אַז מענטשן שטאַרבן ווען ס'גייט אויס זייער צוגעטיילטע צאָל ווערטער. בײַ דינהן איז קיין מאָל נישט געווען קיין איבעריק וואָרט; זי האָט שטענדיק גערעדט קורץ און צו דער זאַך. ס'שטייט אין דער תּורה, אַז איין מצווה וואָס דערפֿאַר קריגט מען אַריכות־ימים איז כּיבוד־אָב־ואם. דינה האָט שטענדיק גערעדט מיט אָפּשײַ וועגן אירע טאַטע־מאַמע. איך גלייב, אַז די אַרבעט אַרום „דעם פֿאָטערס בוך", ווי דינה פֿלעגט אָנרופֿן הירש אַבראַמאָוויטשעס פֿאַרשוווּנדענע געשטאַלטן, האָט זי דערהאַלטן בײַם לעבן נאָך איר קראַנק ווערן מיט אַ בלוטפֿעלער. איך בין זייער צופֿרידן, וואָס זי האָט דערלעבט דאָס אַרויסקומען פֿונעם דאָזיקן בוך.

ווען דינה איז שוין געווען העכער אַכציק יאָר אַלט פֿלעגט זי נאָך קריכן אויף אַ לייטער צו די הויכע ביכער־פּאָליצעס. מע האָט געמוזט באַוווּנדערן איר ענערגיע. אָבער די עיקר־באַוווּנדערונג האָב איך פֿאַר דינהן צוליב איר כּסדרדיקן חשק צום לערנען. נישט לאַנג פֿאַר איר טויט בין איך געקומען אין ייִוואָ צו לערנען מיט קאַטאַלאָגירערס. האָט מיר דינה געזאָגט, אַז זי וויל זיך אויסלערנען דאָס זוכן אינפֿאָרמאַציע אויפֿן קאָמפּיוטער. זאָל איר דאַרשט נאָך וויסן בעת די יאָרן פֿון איר קראַנק זײַן אַן אינספּיראַציע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיך דינה געפֿרעגט וועגן דעם ענין דין־תּורה מיט גאָט. אויב איך וואָלט געקענט לאָדן דעם רבונו־של־עולם אין געריכט, וואָלט איך אים געפֿרעגט אָט וואָס: אויב דינהן איז במילא געווען באַשערט צו שטאַרבן פֿון אַ בלוטפֿעלער, פֿאַר וואָס זשע האָט זי געמוזט דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע אויף אַ צעבראָכענעם לענד אַ פּאָר וואָכן פֿאַר איר פּטירה?

כאָטש דינה האָט נישט איבערגעלאָזט קיין אייגענע יורשים, האָט זי באַרײַכערט אונדזער לעבן און איבערגע־לאָזט אַ רײַכע אינטעלעקטועלע ירושה. כּבֿוד איר אָנדענק!

—בלה האַס ווײַנבערג

## טרויער־אויסדרוק פֿון פּאַריז

צו דער פֿאַרוואַלטונג
פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט – ייִוואָ
זייער חשובֿע פֿרײַנד,

די פֿאַרוואַלטונג און די מיטגלידער פֿון דער פּאַריזער מעדעם־ביבליאָטעק שליסן זיך אָן אינעם טרויער איבער דער פּטירה פֿון דינה אַבראַמאָוויטש, וועלכע האָט אין משך פֿון צענדליקער יאָרן געטרײַ און פּינקטלעך דורכגעפֿירט איר שליחות ווי די הויפּט־ביבליאָטעקערין פֿון ייִוואָ.

דינה אָבראַמאָוויטשעס נאָמען בלײַבט אויף תּמיד פֿאַרבונדן מיט די שענסטע טראַדיציעס פֿון ייִוואָ, מיט דער ווילנער יניקה זײַנער און מיטן דרך פֿון מאַקס ווײַנרײַך אין דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. איר איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט איז אַ מוסטער און אַן אָנרעגונג פֿאַר יעדן איינעם, ווו ער זאָל נישט זײַן, וואָס טראָגט אַן אַחריות איבער אַ ייִדישער ביבליאָטעק.

דעריבער בעטן מיר אײַך אונדז צו רעכענען ווי באַטייליקטע אין יעדער אונטערנעמונג וואָס איר וועט דורכפֿירן לזכר דינה אַבראַמאָוויטשן, און איבערצוגעבן אונדזער מיטגעפֿיל דער משפּחה.

מיט דרך־ארץ, יצחק ניבאָרסקי
וויצעפּאָרזיצער, מעדעם־ביבליאָטעק (פּאַריז)

# דינה אַבראַמאָוויטש ע״ה,

וועגן דינהס זעלטענער פּערזענלעכקייט קען מען רעדן און שרײַבן בענד. וועגן מיר האָט דינה גערעדט מיט די גרעסטע שבֿחים ווען דער ייִוואָ האָט אײַנגעאָרדנט פֿאַר מיר אַ מסיבה ווען איך בין געוואָרן אַ בן־שמונים – אַזעלכע שבֿחים, אַז איך האָב זיך ממש פֿאַררייטלט. קום איך דינהן אַ חובֿ, וועל איך רעדן וועגן איר מיט נאָך גרעסערע שבֿחים.

ס׳וואָלט זיכער געפּאַסט צו זאָגן די לויבווערטער בײַ אירן אַ געבוירן־טאָג. נאָר מיר ווייסן, אַז דינה איז געווען אַלע מאָל קעגן לויבווערטער. ניט לאַנג צוריק, ווען זי איז אַהיים געקומען פֿון שפּיטאָל, בין איך און מײַן פֿרוי געגאַנגען זי מבֿקר־חולה זײַן אין דער דירה. פּונקט איז דאָרט געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, זאָגט איך איר אָן, זי זאָל גוט אויפּפּאַסן אויף דעם פּאַציענט, די פֿרוי איז אַ גרויסע געלערנטע און אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט. נו, האָב איך געכאַפּט פֿון דינהן אַ גאַב . „חבֿר ראַגאָוו, פֿאַר וואָס דאַרפֿט איר עס אַזוי רעדן וועגן מיר, איך בעט אײַך, איך וויל עס ניט הערן״.

בײַ די זיצונגען פֿלעגט מען זיך צוהערן צו דינהן מיט גרויס דרך־ארץ. לעצטנס האָב איך איר טעלעפֿאָנירט פֿרעגן וואָס זי מאַכט, ווי זי פֿילט זיך. פֿלעגט זי ענטפֿערן, „איך פֿיל זיך ניט גוט, איך בין שוואַך״. נאָר ווען איך פֿלעג דערמאָנען די שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן מיטן אַרויסגעבן הערמאַן קרוקס טאָגבוך פֿון ווילנער געטאָ, פֿלעגט איר שטים ווערן שטאַרק, ממש נאָרמאַל. וועגן דעם ענין קרוקס טאָגבוך האָט זי גערעדט מיט גרויס פּאַסיע. זי האָט דאָך געאַרבעט אין דער געטאָ־ביבליאָטעק, ווו קרוק איז געווען דער פֿאַרוואַלטער.

מיר פֿלעגט זי גיין אַנטקעגן ווען איך פֿלעג צו איר קומען עפּעס פֿרעגן. זי פֿלעגט אַליין זיך אײַנבייגן אונטן אויף די פּאָליצעס אַרויסצונעמען אַ בוך. אויב דאָס בוך איז געלעגן אויף אַ העכערער פּאָליצע, פֿלעג איך זיך בעטן: „דינה, לאָזט מיך, איך וועל אַראָפּנעמען״. אַ נעכטיקער טאָג!

דינה איז מער ניט מיט אונדז. ווער וועט מיר פֿאַרענטפֿערן מײַנע אָנפֿרעגן? איך האָף, אַז די וואָס האָבן פֿון דינהן געלערנט און געאַרבעט מיט איר וועלן גיין אין אירע פֿוס־טריט, ד״ה מיט גרויס איבערגעגעבנקייט לטובֿת דעם ייִוואָ און לטובֿת דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

דינה איז געווען דער לעצטער רינג אין דער גאָלדענער קייט, וואָס די ווילנער ייִדישע אינטעליגענץ האָט אַזוי וווּנדערלעך געשמידט. כּבֿוד איר אָנדענק!

-- דוד ראָגאָוו

יצחק הערש ראַדאָשיצקי

## נישט וועקט!

נישט וועקן זאָלט איר איר פֿון איר לעצטן שוואַנען־חלום,
ווען איר נשמה שוועבן וועט אין די הויכע, בלויע רוימען.
עס ליכטיקט זיך אַ נײַע וועלט פֿאַר איר, אין איר לעצטן
טרוימען,
און ס׳זינגט אַ כאָר מיט איר זײַן ליד פֿון רו און שלום.

– האַלט אײַן דעם קרעכץ, נישט וועקט איר! איר דרימל
נישט צו שטערן
איצט שוועבט מיט איר, געלײַטערט איר נשמה אין אַ
חלום...
אונטער איר, שטיל זינגט אַ כאָר דאָס ליד פֿון רו און שלום,
און איבער איר, הויך צינדן זיך מיליאָנען נײַע שטערן! ...



דינה אַבראַמאָוויטש בײַ דער אַרבעט

## געדענקט די דאַטע!

מאָנטיק, סעפּטעמבער 18, 5:30 נ״מ, וועט אינעם ייִוואָ פֿאָרקומען אַן אַזכּרה נאָך דינה אַבראַמאָוויטש. אַלע זײַנען פֿאַרבעטן. לאָזט וויסן, צי איר קומט: 294־6128 (212).

אויף איר זיצונג דעם 13טן יוני האָט די ייִוואָ־פֿאַרוואַלטונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אײַנצושטעלן לזכרון דינה אַבראַמאָוויטש צוויי פֿאָנדן:

1) אַ ביכערפֿאָנד א״נ דינה אַבראַמאָוויטש, וואָס וועט שטיצן די ייִוואָ־ביבליאָטעק דורך קויפֿן און פֿאַרריכטן ביכער;
2) אַ סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ דינה אַבראַמאָוויטש, אַן עולמות־פֿאָנד וואָס וועט העלפֿן אַ יונגן געלערנטן צו טאָן פֿאָרשאַרבעט אין דער ביבליאָטעק און אין אַרכיוו.

דער ייִוואָ האָפֿט, אַז אין אָנדענק פֿון דינה אַבראַמאָוויטש וועלן די פֿרײַנד צושטעלן אַ פֿלייצע מיט אַ ברייטער האַנט!

ייִוואָ־נײַעס

# דער אַרגענטינער ייִוואָ



אסתּר שוואַרץ און שאָול דרײַער

מיט זעקס חדשים צוריק איז יאַנקל סאַלאַנט, דער דירעקטאָר פֿון ייִדיש־שפּראַך־פּראָגראַמען בײַם ניו־יאָרקער ייִוואָ, געפֿאָרן קיין אַרגענטינע אויף אַ ייִוואָ־שליחות. ער איז אָנגעקומען דעם 24סטן יאַנואַר 2000 פֿאַר נאַכט אויפֿן דערווײַליקן אַדרעס פֿונעם אַרגענטינער ייִוואָ אין צענטער שטאָט פֿון בוענאָס־אײַרעס. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט אסתּר שוואַרץ, די קאָאָרדינירערקע, און מיט שאָול דרייער, דער פּרעזידענט. ער האָט זיך בײַ זיי אָנגעפֿרעגט וועגן דער היסטאָריע פֿונעם ייִוואָ אין אַרגענטינע. אָט וואָס זיי האָבן אים דערציילט:

די געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1928 אין בוענאָס־אײַרעס. אין 1931 ווערט זי אָפֿיציעל דער אַרגענטינער אָפּצווײַג פֿונעם ווילנער ייִוואָ. אין 1945 ציט זיך דער ייִוואָ אַרײַן אין אַ נײַעם, גרויסן ייִדישן צענטער אין איינעם מיט עטלעכע אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. דער ייִוואָ פֿאַרנעמט דאָרטן אָנדערטהאַלבן גאָרנס און דאַרף אַפֿילו נישט צאָלן קיין דירה־געלט! דער ייִוואָ האָט דאָרטן געהאַט זײַנע ביוראָען קנאַפּע פֿופֿציק יאָר, ביזן טאָג אין 1994 ווען טעראָריסטן האָבן אונטערגעלייגט אַ ריזיקע באָמבע, וואָס האָט דערהרגעט 86 מענטשן און חרובֿ געמאַכט דעם בנין, אַרײַנגערעכנט 30 פּראָצענט פֿונעם ייִוואָס קאָלעקציעס און איינעם מיט זײַן גאַנצן קאַטאַלאָג. באַלד נאָך דעם נעמט מען זיך צום רעסטאַווירן דאָס וואָס ס'לאָזט זיך. דעם חרובֿן בנין האָט מען אומגעוואָרפֿן און אָנגעהויבן בויען אַ נײַעם. איצט, מיט זעקס יאָר שפּעטער, גרייט דער ייִוואָ זיך אַרײַנצוקלײַבן אינעם נײַעם לאָקאַל. ער וועט דאָס מאָל יאָ מוזן צאָלן דירה־געלט, אָבער דערפֿאַר וועט ער פֿאַרנעמען צוויי גאַנצע גאָרנס. דער אַרגענטינער ייִוואָ זוכט נאָך צו שאַפֿן פֿאָנדן צו דעקן די ביזאיצטיקע און ווײַטערדיקע הוצאָות.

נישט־געקוקט אויפֿן חורבן וואָס די באָמבע האָט אָנגעמאַכט טוט דער ייִוואָ ווײַטער זײַן אַרבעט: רעסטאַווירט זײַנע קאָלעקציעס, אַרײַנגערעכנט ביכער, פּעריאָדיק, פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַפֿישן אד"גל; פֿירט דורך ייִדיש־קורסן, אויסשטעלונגען, רעפֿעראַטן, קאָנצערטן, רעציטירונגען און פֿילמען, ווי אויך אַ וואָכיקע ראַדיאָ־עמיסיע אויף דער סטאַנציע „ראַדיאָ חי", די איינציקע ייִדישע ראַדיאָ־סטאַנציע אין גאַנץ לאַטײַן־אַמעריקע. דער ייִוואָ גיט אויך אַרויס פּובליקאַציעס אויף שפּאַניש.

אין גיכן וועט מען זיך נעמען צו דער גרעסטער עבֿודה, רעסטאַווירן דעם חרובֿן קאַטאַלאָג. מע האָפֿט, אַז אַ רשימה פֿעלנדיקע מאַטעריאַלן וועט זײַן גרייט ביזן סוף יאָר און אַז די בלויזן וועט מען קענען פֿאַרפֿולן מיט דופּליקאַטן פֿונעם ניו־יאָרקער ייִוואָ א"אַ. צו דעם ציל האָט פֿ' סאַלאַנט זיי געשאָנקען אַ גאַנצע סעריע ייִוואָ־פּובליקאַציעס: ייִוואָ־בלעטער, ידיעות פֿון ייִוואָ, קאַלעדזש־ייִדיש, שײַטלעך אַרויסגעריסן פֿון פֿײַער און נאָך אַ סך. די אַרגענטינער האָבן אָפּגעדינט מיט עטלעכע פֿון זייערע פּובליקאַציעס.

נאָך דעם איז מען געגאַנגען באַקוקן דעם נײַעם בנין, אויף פּאַסטער־גאַס 633. אַ באַפֿעסטיקטער פֿון דרויסן, איז ער, אָבער, זייער שיין פֿון אינעווייניק. אויף איין גאָרן וועלן זיך געפֿינען די ביבליאָטעק מיטן אַרכיוו; אויפֿן צווייטן – דער אויסשטעלונג־זאַל. טייל מאַטעריאַלן פֿון די קאָלעקציעס וועלן נאָך אַלץ מוזן בלײַבן אין סקלאַד.

דעם צווייטן אויפֿדערנאַכט איז פֿ' סאַלאַנט געווען דער גאַסטרעדנער בײַם ייִדיש־קורס, וואָס אסתּר שוואַרץ פֿירט אָן. אינעם קלאַס לערנען זיך 55 תּלמידים, כאָטש אין דעם הייסן זומערטאָג זענען געקומען בלויז 30. זיי האָבן אים געשטעלט פֿראַגעס וועגן דעם ניו־יאָרקער ייִוואָ און דער זומער־פּראָגראַם א"נ אוריאל ווײַנרײַך, וועגן דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון ייִדיש־קורסן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און וועגן מאַמע־לשון בכלל.

# נײַ וועבזײַטל פֿונעם ייִוואָ

אַ גוטע בשׂורה: דער ייִוואָ האָט לאַנסירט אַ נײַ וועבזײַטל אויפֿן אַדרעס www.yivoinstitute.org. דער ייִדישער טייל פֿונעם וועבזײַטל נעמט אַרײַן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ייִוואָ גופֿא, אַ וועגווײַזער צו דער ביבליאָטעק און צום אַרכיוו, אַ רשימה פּובליקאַציעס אויף ייִדיש, אַ ביסל געשיכטע וועגן דער ראָלע וואָס דער ייִוואָ האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פֿון מאָדערנעם ייִדיש אאַז"וו. דורכן וועבזײַטל וועט מען קענען אַרײַנקוקן אין די ייִוואָ־קאָלעקציעס, פֿאַרשרײַבן זיך אויף קורסן, קריגן כּלערליי אַנדערע אינפֿאָרמאַציעס, לייענען די ידיעות פֿון ייִוואָ און נאָך און נאָך. טאָ פֿאַרבינדט זיך מיטן וועבזײַטל, קוקט עס דורך און שיקט אונדז אײַערע קאָמענטאַרן אויפֿן אַדרעס yivomail@yivo.cjh.org. געדענקט: לאָזט פֿון זיך הערן!



# באַנקעט

[המשך פֿון ז' א]

פֿ' אײַזנשטאַט האָט דערציילט, אַז זײַנע זיידע־באָבע האָבן גערעדט יידיש, דעריבער האָט ער זייער אַ וואַרעם געפֿיל צו מאַמע־לשון און צום שטייגער לעבן וואָס איז מיט אים פֿאַרבונדן. „איך בין זייער, זייער צופֿרידן", האָט ער געזאָגט, „וואָס כ'קריג אַן אויסצייכענונג פֿון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס פֿאַרנעמט זיך שוין אַזוי לאַנג מיטן אויפֿהיטן די יידישע קולטור". ער האָט צוגעגעבן, אַז זײַן איצטיקע עבֿודה, דאָס צוריקקריגן די צוגעראַבעוועטע פֿאַרמעגנס בײַ יידן אומגעברענגטע אין חורבן, איז „סײַ די שווערסטע עבֿודה, סײַ די וואָס ברענגט מיר דעם גרעסטן נחת, פֿון אַלץ וואָס כ'האָב געטאָן אין מײַן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער קאַריערע". פֿאַרגעשטעלט פֿ' אײַזנשטאַט האָט דער ניו־יאָרקער סענאַטאָר טשאַרלס שומער.



פֿ' סלאָווין האָט אויך אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם אָנדענק פֿון דינה אַבראַמאָוויטש ע"ה (זען זז' ד־ה). „דינה איז געווען דער לעצטער רינג אין דער גאָלדענער קייט פֿון דער ווילנער יידישער אינטעליגענץ וואָס פֿאַרבינדט אונדזער הײַנט מיט ירושלים דליטא". מאַטל זעלמאַנאָוויטש, מיטגליד פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָט באַגריסט דעם עולם אויף יידיש; לייבל מעלאַמעד, אויך אַ מיטגליד פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָט פֿירגעלייענט אַבֿרהם סוצקעווערס „און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום".

האַרט פֿאַרן סוף פֿונעם באַנקעט האָט די פֿאַרוואַלטונג געגעבן פֿ' סלאָווינען אַ סורפּריז: אַן אויסצייכענונג פֿאַרן לעבנלאַנגער אַרבעט לטובֿת דעם ייִוואָ, צוליב זײַנע 15 יאָר אַרבעט אינעם ייִוואָ. יוסף בעקער, פּאַרזיצער פֿונעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָט געזאָגט: „אַ דאַנק פֿ' סלאָווינען איז דער ייִוואָ שטאַרקער און מער באַוווּסט ווי פֿריִער. קענען מיר זײַן צופֿרידן און זיך האַלטן שטאָלץ".

# באַשעוויסעס אַ בריוו געשאָנקען דעם אַרכיוו

פֿר' רחל שטאַרקמאַן לערמער (מאָנטרעאָל) האָט געגעבן דעם ייִוואָ־אַרכיוו אַ מתנה אַ בריוו פֿון יצחק באַשעוויס פֿון יאָר 1972 צו איר מאַן, משה שטאַרקמאַן ע"ה:

דעם 22סטן דעצעמבער 1972
ליבער פֿרײַנד משה שטאַרקמאַן,

אַ שיינעם דאַנק אײַך פֿאַר דער רעקאָמענדאַציע. אמת, דאָס האָט אַ קנאַפּע באַדײַטונג. זיי טראַכטן אַפֿילו נישט וועגן יידיש און יידישע שרײַבער. אָבער איר האָט געטאָן לויט אײַער איבערצײַגונג און איר פֿאַרדינט אַ יישר־כּוח. קיין שום ערנסטער שרײַבער שרײַבט נישט פֿאַר אויסצייכענונגען און פּרעמיעס. זיי קומען אָפּט אין גאַנצן נישט אָדער צו שפּעט. טיף אין מיר האָב איך אַ קנאַפּע באַציִונג צו דעם גאַנצן מאָדערנעם מענטש, זײַן קולטור, זײַן ליטעראַטור, זײַן נאַציאָנאַליזם, זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם און צו אַלץ וואָס ער טוט און פּריידיקט. אָבער דאָס שרײַבן איז בײַ מיר געוואָרן אַ געוווינהייט, ווי בײַ אַנדערע פּאַפּיראָסן אָדער שנאַפּס. פֿאַקטיש ווערט פֿון די אַלע שרײַבעכצער מיסט. איך ווינטש אײַך איר זאָלט זײַן געזונט און טאָן אײַער אַרבעט מיט הצלחה. מיר זענען אַלע מער־וויניקער אין זעלבן מצבֿ.

אײַער
י. באַשעוויס




## יחזקאל ליפּשיץ (1902־2000)



דעם 16טן פֿעברואַר הײַיאָר איז געשטאָרבן יחזקאל ליפּשיץ, געוועזענער אַרכיוואַר פֿון ייִוואָ. י. ליפּשיץ, אַ געבוירענער אין 1902 אין ראַדעם, פּוילן, האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע אין 1923. ער איז נאָך געווען פֿאַרבונדן מיטן ייִוואָ פֿון די צײַטן פֿון אַמאָפּטײל. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין ייִוואָ־אַרכיוו אין 1954 און איבערגענומען דעם טיטל הויפּט־אַרכיוואַר אין 1962, ווען פֿרוי ריווע טשעריקאָווער איז אַרויס אויף פּענסיע. אין דער צײַט פֿון זײַן אָנפֿירונג איז דער אַרכיוו שטאַרק אויסגעוואַקסן. אַ גרויסע צאָל ייִוואָ־קאָלעקציעס זײַנען קאַטאַלאָגירט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פֿון פֿאָרשערס פֿון יידישן לעבן און יידישער געשיכטע. ער האָט זיך צוריקגעצויגן סוף 1972.

י. ליפּשיץ איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין די ייִוואָ־בלעטער, ווי אויך אין די גאָלדענע קייט, צוקונפֿט, פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, קולטור און דערציִונג דאָ אין אַמעריקע און אין ליטעראַרישע בלעטער, ראַדאָמער וואָכנבלאַט און אויפֿקום אין פּוילן. ער איז אויך געווען אַ היסטאָריקער און אַ לערער אין די שלום־עליכם־שולן און אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

כּבֿוד זײַן אָנדענק!

YIVO NEWS
ידיעות פֿון ייִוואָ

נומ' 190
זומער 2000

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
YIVO Institute for Jewish Research

# 1.5 מיליאָן דאָלאַר געשאַפֿן בײַם באַנקעט לכּבֿוד דעם 75סטן יובֿל פֿונעם ייִוואָ

העכער 500 געסט האָבן זיך משׂמח געווען בײַם באַנקעט לכּבֿוד 75 יאָר עקסיסטענץ פֿונעם ייִוואָ, דעם 10טן אַפּריל אינעם האָטעל „פּיער" אין ניו־יאָרק. „הײַנט גיבן מיר אָפּ כּבֿוד סײַ דעם ייִוואָ, סײַ דרײַ פּראָמינענטע גלידער פֿון אונדזער אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ", האָט געזאָגט ברוך־אלי סלאָווין, פֿאָרזיצער פֿון דער ייִוואָ־פֿאַרוואַלטונג. „מיר גיבן אויך אָפּ כּבֿוד אונדזער פֿאָלק – דורכן ממשיך זײַן דאָס שמידן די גאָלדענע קייט פֿון דער ייִדישער קולטור". יעדער פֿון די דרײַ ערנגעסט האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פֿונעם ייִוואָ.

די חשיבֿות פֿון איבערגעבן די קומעדיקע דורות די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע ווערטן האָט אַרויסגעבריינגט סטואַרט אײַזנשטאַט, וויצעמיניסטער פֿאַר פֿינאַנץ, וואָס האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פֿאַרן לעבנלאַנגער אַרבעט לטובֿת דעם ייִדישן פֿאָלק. [המשך אויף ז' ב]

# אַרויס אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג

נאָך אַ היפּשער צײַט און אַ היפּש ביסל אַרבעט איז אַרויס אַ נײַ ביכל, דער איינהייטלעכער ייִדישער אויסלייג, וואָס ס'נעמט אַרײַן די נײַע, זעקסטע אויפֿלאַגע פֿון די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג (אַ פּינקטלעכער איבערדרוק פֿון די פֿריִערדיקע), וואָס דער ייִוואָ מיט דער ציש"אָ (צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן) האָבן אָנגענומען אין 1936. דער ייִוואָ האָט דאָס צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן אין 1937; די פֿריִערדיקע אויפֿלאַגע דערפֿון, די פֿיפֿטע, איז אַרויס העט אין 1947!

אין דעם נײַעם ביכל גייט אויך אַרײַן אַן אַרבעט פֿון ד"ר מרדכי שעכטער, „פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך: אַן איבערבליק איבער דער היסטאָריע פֿונעם איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג". דעם ציל פֿון דער אַרבעט ברענגט דער מחבר אַרויס אין זײַן דאַנקוואָרט: „אין זײַן רעצענזיע אויפֿן האַנטביכל ייִדישער אָרטאָגראַפֿישער וועגווײַזער האָט ב.־צ. גאָלדבערג (1972) בשעתּו אָנגעוויזן: 'אַ געשיכטע פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל ייִדישע קולטור־געשיכטע'. אַזאַ ווערק [...] האַלט דער לייענער איצטער אין דער האַנט. צי ס'איז טאַקע 'אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל ייִדישע קולטור־געשיכטע' קען דער בעל־מחבר נישט מישפּטן. אָבער אַ דעזידעראַט איז עס זיכער געווען".



דאָס ביכל האַלט אויך אַ וואָרט פֿריִער פֿון פּראָפֿ' שיקל [המשך אויף ז' ח]



ברוך־אלי סלאָווין (לינקס) קריגט אַן אויסצייכענונג פֿון (פֿון רעכטס) יוסף בעקער, ריטאַ כּץ לוי און קעטי זײַסעס

YIVO Institute for Jewish Research
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
15 West 16th Street,
New York, NY 10011

Non-Profit
U.S. Postage
**PAID**
Newburgh, NY
Permit No. 252

## אינהאַלט

באַשעוויס־בריוו . . . . . . . . . . . . ב
אַרגענטינער ייִוואָ; וועבזײַטל . . . . ג
דינה אַבראַמאָוויטש ע"ה . . . . . . ד־ה
ייִדיש־סעמינאַר . . . . . . . . . . . . ו
בינה ווײַנרײַך . . . . . . . . . . . . . ז
**תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג** . . . . . ח
ראָגאָוו בײַ דער פּליטים־קאָנפֿערענץ; רבֿקה רובין; וויני־דער־פּו . . . . . . ט